בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## כי תבא
כ' אלול תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:13 |
| מוצש"ק | 7:25 |
| ר"ת | 8:05 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:42 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:26 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קנ"א

שנה ג'


## טיב הפרשה

# ולקחת בטנא

## די לימוד לדורות פון די מצות 'ביכורים'

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די מצוה פון ביכורים אז הקב"ה באפעלט פאר א איד אז ווען די ערשטע פרוכט פון זיין פעלד ווערט געצייטיגט, זאל ער עס ברענגען פאר הקב"ה אין בית המקדש און מקריב זיין פאר א קרבן.

ווען מען לערנט די פרשה פון ביכורים און מען משל'ט זיך אויס ווי אזוי דער פעלד ארבעטער פולט אן א קארב מיט פרוכט ארויפצוגיין קיין ירושלים עיה"ק און עס מקריב זיין פאר הקב"ה, באקומט מען די איינדרוק אז די מצוה איז אן אור אלטע מצוה, עס געהער צו די פארגאנגענהייט, צו די צייטן ווען כלל ישראל איז געווען אין ירושלים עיה"ק, אין די אלטע היים, און דער בית המקדש איז געשטאנען על תילה.

די מצוה קען מען נישט מקיים זיין היינטיגע צייטן, אבער די לימודים פון די מצוה איז יא שייך היינטיגע צייטן.

עטליכע לימודים וואס איז נוגע פאר יעדן מענטש - לערנט מען ארויס פון די מצות ביכורים.

איין מצוה איז די חשיבות פון יעדן קלייניגקייט, די צווייטע נושא איז די חשיבות פון דער 'אנהייב' - די התחלה פון יעדער זאך.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די מצוה, זעט מען אז הקב"ה האט געהייסן אז מען זאל אראפנעמען אן איינצעלער פרוכט פון א גאנצער בוים. מען רעדט דא פון א פרוכטיגער בוים וואס גייט ארויסגעבן טויזנטער פרוכט און אלעס וואס הקב"ה בעט איז איין עפל, איין קליינע עפל.

דער איד קען טראכטן צו זיך: וואספארא ווערד האט עס? עס איז דאך איין קליינע עפל? אז מען וויל ברענגען א מתנה פאר הקב"ה קען מען נישט ברענגען אונטער הונדערט עפעלעך, אז נישט איז עס ווי מ'מאכט חוזק פון הקב"ה... אבער דייקא דאס וויל די תוה"ק לערנען, אז א קלייניגקייט איז אויך עפעס, אז מען קען מקיים זיין די מצוה פון הכרת הטוב אויך מיט קלייניגקייטן, אז עס דארף נישט זיין קיין גרויסע זאכן.

דער דערהער איז יסוד היסודות אין אידישקייט. איינס פון די גאנגבארסטע מיטלען וואס דער יצר הרע נוצט צו באזיגן א מענטש איז דער יסוד אז ער זאל אוועקמאכן קלייניגיקייטן און זיי נישט מחשיב זיין.

דער יצר הרע וועלכע קען גוט דער געבוי פון דער מענטש ווייסט אויך אז ער קען נישט קומען צו א

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

## וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית

הרה"ק רבי לוי יצחק בראדיטשובער זיע"א האט אמאל ביים דאווענען שחרית, פארפעלט די ברכה 'שלא עשני גוי'. נאכן דאווענען, האבן אים זיינע תלמידים געפרעגט פארוואס ער האט פארפעלט אט די ברכה. האט ער זיי געענטפערט: מיינט איר דען אז איך האב געווארט פאר אייך? די ברכה האב איך שוין געמאכט עטליכע שעה פריער, ווייל גלייך ווען איך האב איך זיך אויפגעכאפט פון שלאף האב איך געטראכט צו זיך איבער די געוואלדיגע חסד וואס דער באשעפער האט געטון מיט מיר, אז ער האט מיר געמאכט א איד און נישט קיין גוי, און פון גרויס שמחה האב איך נישט געקענט ווארטן ביזן דאווענען, נאר איך האב גלייך אויפגעשפרינגען און געמאכט גלייך די ברכה מיט גרויס שמחה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי'.

די תורה באפעלט אונז 'וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה', אזוי ווי רש"י איז מפרש 'אָדָם יוֹרֵד לְתוֹךְ שָׂדֵהוּ וְרוֹאֶה תְּאֵנָה שֶׁבִּכְּרָה, כּוֹרֵךְ עָלֶיהָ גֶּמִי לְסִימָן, וְאוֹמֵר הֲרֵי זֶה בִּכּוּרִים', און דערנאך זאל ער נעמען דעם פרוכט און עס ברענגען מיט כבוד קיין ירושלים. פארוואס דארף מען דווקא ברענגען דער ערשטער פרי? און אויב עס וועט זיין דער צווייטער אדער דריטער פרוכט, איז וואס?

אט די פראגע דערמאנט אונז א חשוב'ער איד וועלכער האט זייער ליב אריינצונעמען געסט, און ער האט באפוילן זיין הויזגעזינד אז מען זאל דערלאנגען די פארציעס פאר די געסט, נאך איידער מען דערלאנגט די עסן פאר אים און פאר די אנדערע משפחה מיטגלידער. ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער פירט זיך אזוי, האט ער געענטפערט אז דאס איז כדי די געסט זאלן זען אז מען איז זיי מכבד, ווייל אויב וועט מען צום ערשט דערלאנגען פארן בעל הבית און דערנאך פאר די געסט, קענען זיי טראכטן אז זיי באקומען נאר דאס וואס איז געבליבן נאך אים, אבער ווען זיי באקומען ערשט וועלן זיי זען און פארשטיין אז מען איז זיי מכבד.

ביי אידן איז דא א גרויסן חשיבות פאר יעדער זאך וואס איז דער ערשטער - ראש חודש, ראש השנה, עשרה ראשונים, א.א.וו. דאס איז נישט אומזיסט – ווייל עס איז דא א גרויסן חשיבות פאר די ערשטע, אזוי ווי ווען עס קומט פאָר א חתונה, זענען די גאר נאנטע קרובים די ערשטע אנצוקומען, און דערנאך קומען אן די וועלכע זענען ווייטערע קרובים, ווייל ווי נענטער מען איז קומט מען אן פריער, אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן 'זְרִיזִים מַקְדִּימִים לְמִצְוֹת'.

יעצט, ווען מיר שטייען נאנט צום 'ראש', צום אנהייב פונעם נייעם יאר, איז כדאי אז מיר זאלן זיין 'ראש' – די ערשטע פאר יעדער דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, צי עס איז אנצוקומען צווישן די עֲשָׂרָה רִאשׁוֹנִים ביים דאווענען, אזוי אויך צו ליינען קְרִיאַת שְׁמַע בִּזְמַנָּהּ (אזוי ווי מיר האבן געברענגט פאָריגע וואך), אזוי ווי מורינו ורבינו שליט"א זאגט שטענדיג, אז גלייך ווען מען שטייט אויף אינדערפרי, ליינט מען קריאת שמע, אפילו אויב עס איז נאך דא אסאך צייט ביזן 'סוף זמן', ווייל ווער עס איז נאנט – ווארט נישט ביזן לעצטן רגע.

(עפ"י שיחה פרשת כי תבא תשס"ט)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320


יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

מענטש און אים איבערצייגן ער זאל באגיין גרויסע עבירות אדער אז ער זאל פארלעצן גרויסע זאכן, און וועגן דעם קומט ער צו אים און רעדט צו אים איבער קליינגעלט, ווייל מיט קליינגעלט קען מען גרינגער לעכערן דער הארץ פון א מענטש.

דער יצר הרע וועט נעמען די מינוטן פון א מענטש, די סעקונדעס, די צען מינוט, די קליינע עבודה'ס און זיי אפלאכן און אוועקמאכן, און דורכדעם וועט ער פארדינען אסאך, ווייל דער אמת איז אז עס איז נישטא אזא זאך ווי קלייניגקייטן און אז יעדער זאך איז גרויס, אפילו אז מיט די פליישיגע אויגן זעט עס אויס קליין.

עס איז ידוע וואס דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט געזאגט, אז ער האט אויסגערעכענט אז אין יעדער מינוט קען מען ארויסזאגן פון מויל צוויי הונדערט ווערטער.

ווען מ'זאל זאגן פאר א מענטש אז ער דערלייגט צוויי הונדערט ווערטער וועט ער כאפן א שרעק, אבער ווען מען זאל זאגן פאר דעם זעלבן מענטש אז ער האט יעצט דערלייגט א מינוט - וועט ער עס אוועקמאכן, ווייל וואס איז שוין א מינוט צייט?

דער מענטש פארגעסט אז די קליינע מינוט איז צוויי הונדערט ווערטער.

עס איז נישט דא אזא זאך ווי קלייניגקייטן, אבער אויסערדעם דארף דער מענטש וויסן אז אויב א מענטש איז מזלזל אין קלייניגקייטן וועט ער ענדע מזלזל זיין אין גרויסע זאכן. דער יצר הרע וועט אים צוברענגען אז ער זאל זען אין יעדע זאך א קלייניגקייט.

דאגעגן אויב א מענטש וועט אפהיטן די קלייניגקייטן וועט ער אנקומען דורכדעם צו היטן די גרויסע זאכן.

עס איז באקאנט די מעשה וואס עס האט פאסירט ביי דער צדיק רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל. א איד איז אמאל געקומען צו אים און זיך באקלאגט פאר אים אז ער איז אזוי פארנומען דורכ'ן טאג, אז ער האט נישט קיין צייט פאר גארנישט, ער האט בלויז א האלבע שעה צייט א טאג אוועקצוגעבן פאר תורה.

דער איד האט געוואלט וויסן וואס זאל ער טון אין די האלבע שעה? דער צדיק האט אים גע'עצה'ט אז אין די האלבע שעה זאל ער לערנען מוסר, ווייל אז ער וועט לערנען מוסר וועט ער זען אז ער האט נאך צייט אין טאג.

די וועלט איז געוואוינט צו שעצן גרויסע זאכן, אבער מען דארף צו וויסן אז די וועלט באשטייט אויך פון קלייניגקייטן, און אז אויך קלייניגקייטן זענען חשוב למעלה און מאכן א שטארקע רושם למעלה אויך ווען מען זעט זיי נישט.

דער בארימטער חסיד רבי יוסף דוב קאסטעל זצ"ל פון די תלמידי החפץ חיים זי"ע פלעגט דערציילן, אז אין די ראדינער ישיבה האט געלערנט א בחור וואס האט נישט פארשטאנען דאס לערנען. זיין קאפ איז ליידער געווען פארשטאפט, אבער דאך איז ער יעדן טאג געקומען אין ישיבה מיט א פלייסיגקייט און געלערנט בלעטער גמרא איבערזאגנדיג די נעמען פון די תנאים ואמוראים.

מיט די יארן איז געווארן ענגשאפט אין די ישיבה, עס איז נישט געווען קיין פלאץ צו זיצן, און די ישיבה בחורים זענענדיג אז ער פארשטייט סיי ווי סיי נישט קיין לערנען האבן אים געבעטן ער זאל פארלאזן דאס בית המדרש.

דער בחור האט גע'טענה'ט אז דאס קומט נישט אין באטראכט, זאגנדיג אז ווען זיי זאלן וויסן וואספארא טעם ער שפירט אין זאגן די נעמען וואלטן זיי אים נישט פארשיקט.

"איך שעץ די זכיה אז אזא פשוט'ער מענטש ווי מיר איז זוכה ארויסצוזאגן נעמען פון אזעלכע שרפי מעלה", האט ער געזאגט.

אויסערליך זעט אויס ווי דער בחור האט גארנישט געקענט, וואספארא ווערד האט דען זאגן פשוט'ע נעמען קעגן לערנען א בלאט גמרא בעיון רב, אבער יעדער קלייניגקייט איז ווערד אין הימל זייער חשוב.

אין די מצוה פון ביכורים איז אויך קענטליך די חשיבות פון די התחלה, די בראשית פון יעדער זאך, אז שוין גלייך ביים אנהייב פון די זאך געבט מען זיך אוועק פאר הקב"ה.

דער יסוד פון די התחלה ביי כלל ישראל איז דאס שטערקסטע זאך וואס א איד האט, אלעס וואס א איד טוט גייט נאך די התחלה פון די זאך, און אויך דער יסוד לערנט מען ארויס פון די ביכורים, אז גלייך ביי די התחלה געבט ער זיך אוועק פאר הקב"ה.

דער יסוד פון די התחלה איז אויך ניכר אין די צייטן וואס מיר שטייען יעצט, אין די הייליגע טעג.

מען גרייט זיך אויף ראש השנה, אויף א נייע יאר, צו מאכן א נייע התחלה, און ווייל די התחלה איז אזוי חשוב, מאכט מען פאר איר א הכנה, ווייל די כח ליגט אין די התחלה פון די זאך און הקב"ה וועלנדיג אז מען זאל קומען אנגעגרייט געבט אונז די חודש אלול פריער אז מיר זאלן זיך קענען גרייטן כדבעי.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען מאכן די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג, און די הכנה זאל ממשיך זיין א גוטע התחלה, און עס זאל קומען פאר'ן כלל ישראל א גוטע און א לעכטיגע יאר.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א ישועה אין השאיש

פאר עטליכע יאר אין א ציה האב איך געזוכט צו קויפן אן אייגענע דירה, איך זאל האבן אן אייגענע דאך העכער מיין קאפ.

אזוי לאנג ווי מען לעבט אין א געדינגענע דירה איז מען אנגעוויזן אויף די חסדים פון דער פארדינגער. ער הייבט די פרייזן און ער נידערט זיי לויט זיין געברויך, אז מען קען קיינמאל נישט וויסן וואו מען האלט מיט אים.

אין די זעלבע צייט האלט מען זיך אויף אפ פון אריינלייגן געלט אין די מעבל ווייל אז עס נישט דיינס - פאדערט עס ווייניגער.

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך ענדליך געטראפן צו קויפן א הויז. דער פארקויפער איז געווען אן אויסלענדישער איד און ער האט מיר געגעבן א גוטער פרייז.

איך האב צוזאמענגעקראצט דאס געלט, איך האב אים באצאלט מיט פעימענטס [באצאלונגען] און ברוך ה' אז אלעס איז אריבער גלאטיג.

אלעס אבער כמעט אלעס, די לעצטע פעימענט איז געווען די סומע פון 175,000$ – אבער איך האב עס נישט געהאט צו באצאלן. איך האב פראבירט אויף יעדן וועג צו שאפן דאס געלט, אבער עס איז נישט געווען פון וואו עס צו נעמען.

אין יענע צייט בין איך געווען זייער באזארגט, איך האב מתפלל געווען אן א שיעור, איך האב געבעטן ביי הקב"ה אז ער זאל מיר העלפן.

מיין עיקר פחד איז געווען אז די גאנצע געשעפט וועט גיין לטמיון, איך וועל דערליגן אלעס, אויך דאס געלט וואס איך האב שוין אריינגעלייגט ביז אהער.

איין טאג באקום איך א טעלעפאן קאלל פון דער פארקויפער אז ער קומט אויף א באזוך קיין ארץ ישראל און ער וויל מיר טרעפן. הערנדיג דאס איז מיר שלעכט געווארן אויפ'ן הארץ. איך בין געווען זיכער אז דאס איז עס און יעצט גייט ער מודיע זיין אז אזוי ווי איך האב נישט באצאלט די גאנצע סומע איז דאס געשעפט אויס געשעפט.

דער באשטימטער טאג איז געקומען צוגיין. מיר האבן זיך געטראפן אין דער אפיס פון דער לאיער. איך בין געווען זיכער צו טרעפן א נערוועזער פארקויפער, אבער ער איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט. נאכ'ן באגריסונג וואונדערט ער זיך צו מיר און זאגט מיר אז ער איז יעצט זייער פארצווייפלט אין זיינע געשעפטן, און עס איז נישט גוט צו האבן געלט אין אמעריקע.

"איך בעט דיר אז דו זאלסט האלטן דאס געלט אין ארץ ישראל, באצאל מיר עס נישט יעצט, נאר אין א צווייטער געלעגנהייט".

איך האב נישט געגלייבט וואס איך הער. דער פארקויפער האט געווארט אז איך זאל בעשטעטיגן זיין בקשה. נאך דעם וואס איך האב באשטעטיגט זיין בקשה האט מען גע'חתמ'ט קאנטראקט, און די דירה איז אריבער אין מיינע הענט.

איך בין געווען אויסערזיך פון התרגשות נישט גלייבנדיג וואס איך הער, איך האב געדאנקט השי"ת אז ער האט עס אזוי געפירט צום גוטן.

עס איז שוין אריבער דריי יאר פון יענע מעשה. דער איד האט נאכנישט געבעטן דאס געלט, איך בין זיכער אז אין די רגע וואס כ'וועל עס דארפן האבן וועט ער מיר מזמין זיין די גאנצע סומע, גענוי וויפיל איך דארף האבן.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מ.ו.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (ו.): "אָמַר רַבִּי אָבִין בַּר רַב אַדָּא אָמַר רַבִּי יִצְחָק, מִנַּיִן שֶׁהַתְּפִלִּין עוֹז הֵם לְיִשְׂרָאֵל, דִּכְתִיב 'וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ', וְתַנְיָא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הַגָּדוֹל אוֹמֵר, אֵלּוּ תְּפִלִּין שֶׁבְּרֹאשׁ".

-> • <-

הגאון הצדיק רבי שמואל הומינער זצ"ל, פון די גדולי ירושלים, מחבר פונעם וואונדערליכן ספר "מִצְוַת הַבִּטָּחוֹן", איז ל"ע קראנק געווארן אויף דער עלטער מיטן 'לוקימיע' קרענק וועלכע האט באטראפן זיין בלוט. אין יענע צייטן האט מען נאכנישט געוואוסט וויאזוי זיך צו פארמעסטן מיט אט די מחלה, און די דאקטוירים האבן כמעט נישט געוואוסט וויאזוי דאס צו באהאנדלען און אים אויסהיילן.

ווען די קרענק האט זיך געשטארקט, און מען האט שוין נישט געהאט קיין שום מעגליכקייט אים צו העלפן אין שפיטאל, האט מען אים אהיימגעשיקט. דעמאלטס האב איך זוכה געווען אים צו באזוכן ביי אים אינדערהיים, און מקיים זיין ביי אים די מצוה פון 'ביקור חולים' בהידור, און דאס איז געווען דריי טאג איידער זיין פטירה!

ווען איך בין אנגעקומען לביתו נאוה קודש, האט ער זיך זייער געפריידט צו מיר. ער האט דעמאלטס אויסגעזען זייער שלעכט, ה' ירחם, דאס גאנצע בלוט סיסטעם פון זיין קערפער איז געווען אויפגעגעסן פון די ביטערע מחלה ל"ע, וועלכע האט עס פארשמוצט ביז עס איז שווארץ געווארן, רחמנא ליצלן. ער האט דעמאלטס געליטן שווערע און ביטערע יסורים אין אלע טיילן פון זיין קערפער, און טראצדעם האט ער זיך געשטארקט איבער זיינע ווייטאגן און האט מיר ענטפאנגען מיט א ליכטיגן געזיכט, און גערעדט צו מיר מיט ליבליכקייט.

פלוצלונג האט ער זיך געווענדן צו מיר און געזאגט: "גמליאל, מיר לייגן תפילין"! איך האב נישט פארשטאנען וואס ער מיינט, פארוואס וויל ער יעצט לייגן תפילין? די גרויסע זייגער וואס האט געהאנגען אויפן וואנט, האט געוויזן אז דער זייגער האלט שוין האלב ניין אין אוונט, אסאך שפעטער ווי זון־אונטערגאנג, און מיר האבן שוין געהאלטן לאנג נאכן דאווענען מעריב! און מיר ווייסן דאך אז "לַיְלָה לָאו זְמַן תְּפִלִּין"? – צום ערשט האב איך געטראכט, אז צוליב די גרויסע יסורים און די שווערע קרענק, האט זיך שוין דער צדיק צוטומלט צווישן טאג און נאכט...

דער צדיק האט אבער אויפגעכאפט מיינע מחשבות, און געשפירט מיין וואונדער. ער האט דעריבער געשמייכלט צו מיר מיט א סודות'פולן שמייכל, און געזאגט: "פארוואס פארשטייסטו נישט? אט די שרעקליכע יסורים, ליגן דאך אויף מיר אזוי ווי די הייליגע תפילין"! ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל, און ערקלערט: "ווען א איד ליידט יסורים און ווייטאגן און ער נעמט עס אן אין שווייגעניש און מיט ליבשאפט, און בְּשְׁעַת מַעֲשֶׂה ווען אלעס איז פארווייטאגט און פארביטערט, געדענקט ער גוט דאס וואס עס שטייט אין פסוק (דברים ח, ה): "וְיָדַעְתָּ עִם לְבָבֶךָ, כִּי כַּאֲשֶׁר יְיַסֵּר אִישׁ אֶת בְּנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ מְיַסְּרֶךָּ". און אזוי ווי דער הייליגער רבינו בחיי שרייבט דארט: "כְּדֵי שֶׁתִּרְאֶה וְתִקַּח מוּסָר, וְתִגְדַּל נַפְשְׁךָ בְּמִדַּת הַבִּטָּחוֹן, שֶׁהוּא עִיקַר הַמִּצְוֹת כֻּלָּן". – קומט דאך אויס אז אט די יסורים האבן אים צוגעברענגט אז ער זאל געדענקען

# וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ!

"וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ"
כח, י

דעם אויבערשטן, און מקבל זיין אויף זיך עוֹל מַלְכוּתוֹ וְיִחוּדוֹ! איז עס דאך ממש אזוי ווי דאס מקיים זיין די מצוה פון תפילין, אין יעדן רגע וואס מען איז מקבל אויף זיך די יסורים בְּאַהֲבָה"!

איך בין ארויסגעגאנגען פון זיין הויז אינגאנצן פארוואונדערט און ערשטוינט, צוזעענדיג אזעלכע וואונדערליכע און שטארקע מדריגות!

עס איז שוין דורכגעגאנגען צענדליגער יארן פון ווען די אויבנדערמאנטע מעשה איז פּאָרגעקומען, און איך קען נאך אלץ נישט פארגעסן דעם געוואלדיגן מעמד! די אויפריכטיגע ווערטער פון רבי שמואל, וואס זענען געזאגט געווארן מיט די אויגן אויפגעהויבן צום הימל, קלינגען שטענדיג אין מיינע אויערן!

דאס זענען די מענטשן וועלכע האבן אלעמאל געלעבט מיט א קלארע אָנטאַפּנדע אמונה, זייענדיג דָבוּק אינעם הייליגן באשעפער, ווען דער בטחון אין השי"ת לעבט אין זיי מיט א געוואלדיגע חיות!

-> • <-

איינער פון די גרויסע רבנים און צדיקים אין ירושלים קרתא דשופריא, זאל ער זיין געזונט און שטארק, איז נוהג אז ער שטייט אויף זייער פרי און קומט דאווענען כְּוָתִיקִין, אזוי ווי דער מִנְהַג אַנְשֵׁי יְרוּשָׁלַיִם פון אייביג אָן. די וועג פון זיין הויז צום בית המדרש שפּאַנט ער זייענדיג איינגעהילט אינעם טלית און באקרוינט מיט די תפילין, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די פוסקים [או"ח סי' כ"ה ס"ב משנ"ב סק"ח].

איין פרימארגן, אנקומענדיג נאנט צום אריינגאנג פונעם בית המדרש, האט ער געזען פאר אים א 'מיליטערישע מארש', אזוי ווי עס פאסירט פון צייט צו צייט, אז די אנפירער פונעם הפקר'דיגן מיליטער טוען פלוצלונג באפעלן די סאלדאטן אז זיי דארפן אויפשטיין זייער פרי, און בליץ-שנעל זיך ארויסלאזן אויף א 'מארש' גלייך אינעם פרימארגן. – דאס איז געווען א גרויסע גרופע פון יונגע סאלדאטן, וועלכע האבן געטראגן שווערע כלים און געווער, און אזוי מיט האלב פארשלאפענע אויגן האבן זייערע גענעראלן זיי געמאכט שפאנען מיט שווערע איבונגען, דארפנדיג טראגן א 'בעט' איבער זייערע פלייצעס, און זיך מאכן ווי מען שלעפט א 'פארוואונדעטער' א.ד.ג, און אזוי שפאנענדיג טוישן זיך די סאלדאטן צווישן זיך. [זעט אויס אז זיי האבן זיך ארויסגעלאזט פונעם געוועזענעם 'שנעלער' לאגער, ביים עק פונעם 'גאולה' געגנט, און זיך געדרייט איבער די שיינע גאסן פון ירושלים עיר הקודש].

פאר א רגע האט דער צדיק געטראכט ביי זיך, אז ער וועט זיך שנעל אריינגליטשן אינעם בית המדרש, נאך איידער די גרופע וועט אריבערגיין נעבן אים, כדי ער זאל זיך נישט דארפן באגעגענען מיט זיי. אבער נאכן עס

איבערטראכטן, האט ער זיך אביסל פארטיפט אין דעם, און באשלאסן צו בלייבן שטיין, ווען זיין הארץ ווערט פול מיט רחמנות איבער די פארבלאנדשעטע ברידער. "פארוואס זאל איך זיך אוועקגליטשן פון זיי"? האט דער רב געטראכט צו זיך. "אדרבה! זאלן זיי אליין זען מיט זייערע אויגן, וויאזוי עס זעט אויס א איד וועלכער הייבט אן זיין טאג אינעם פרימארגן, מיטן דאווענען פארן הייליגן באשעפער, זייענדיג איינגעהילט מיטן טלית און באקרוינט מיט די תפילין. וואס דערויף שרייט דאך דער פסוק אין די פרשה פון די וואך: "וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ וגו'"!

דער רב איז טאקע דווקא געבליבן שטיין, פאר די פארוואונדערטע אויגן פון די סאלדאטן, תִּנוֹקוֹת שֶׁנִּשְׁבּוּ ליידער, וואס ביים אריבערגיין אין פארנט פון אים, האבן זיי נישט געקענט באהאלטן זייער שטוינונג, און דאס אומפארשטענדליכע דארשט פון די נשמה, זעענדיג א צדיק וועלכער שטייט אויף פרי צום דאווענען, אנגעטון אין טלית טון תפילין. דאס איז געווען גענוג אינטערעסאנט פאר זיי, אינמיטן זייער לאנגווייליגע פארטאגס שפאציר...

אויך דער רב, פון זיין זייט, האט נישט אראפגענומען זיין ליבליכן בליק פון זיי, און אזוי שטייענדיג און קוקנדיג אויף זיי, איז זיין הארץ פול געווארן מיט רחמנות און ער איז געווארן זייער באגייסטערט, מיט גרויס רחמנות איבער די יונגען וועלכע זענען ליידיג פון רוחניות'דיגע אינהאלט, און פארברענגען זייערע טעג און יארן מיט פוסטקייט. זיינע ליפן האבן געשעפשעט הארציגע תפילות און תחנונים צו אונזער טאטע אין הימל, אז ער זאל רחמנות האבן אויף די פארבלאנדזשעטע קינדער. אזוי ווי אליהו הנביא זכור לטוב פלעגט מעורר רחמים זיין צו צוריקברענגען אידישע קינדער בתשובה צו אונזער טאטע אין הימל, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין תנא דבי אליהו (זוטא פ"ח) וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, בָּנֶיךָ הֵם, בְּנֵי בְּחוּנֶיךָ הֵם, בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב שֶׁעָשׂוּ לְךָ רְצוֹנְךָ בָּעוֹלָם וכו'". זיי זענען דאך נאר 'תִּנוֹקוֹת שֶׁנִּשְׁבּוּ' וועלכע ווייסן נישט וואס עס טוט זיך מיט זיי... יונגע נעבעכדיגע קינדער וועלכע האבן נישט עפעס אנדערש ווי 'לינקס-רעכטס-לינקס'... דעריבער, טו זיי דערנענטערן מיט דיין רחמנות און ברענג זיי אריין אונטער די כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה, וַהֲשִׁיבֵם בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ". – אזוי איז דארט דער רב געשטאנען א לענגערע צייט, און האט מאריך געווען מיט תחנונים, ביז די גאנצע גרופע האט זיך דערווייטערט פונעם גאנצן האריזאנט און מען האט זיי שוין מער נישט געקענט זען.

און אט, מיט א צייט שפעטער, האט אנגעכאפט אין אט די גרופע, אן אומפארשטענדליכע גייסט פון תשובה טון. אין אנהייב האבן בלויז עטליכע חברים פון די גרופע אנטפלעקט דעם אוֹר הָאֱמֶת, און אין איין שיינעם טאג האבן זיי אפגעלאזט אלע נארישקייטן און האבן זיך צוריקגעקערט בתשובה שלמה, און נאך זיי איז די גאנצע גרופע צופאלן געווארן... ווען איין סאלדאט האט 'אנגעשטעקט' זיין חבר, און איינער נאכן אנדערן זענען פילע פון זיי געווארן אמת'ע 'בעלי תשובה'. די גענעראלן און הויפטן פונעם מיליטער זענען געבליבן שטיין פארגאפט, נישט פארשטייענדיג וויאזוי א גאנצע גרופע

המשך אין עמוד ד' >

פון די אויסדערוועלטע סאלדאטן זענען פלוצלונג ארויסגעפאלן פונעם מיליטער... און וויאזוי טוט צושטאנד־קומען אזא געוואלדיגע רעוואלוציע...

אבער פילע פון זיי האבן שפעטער ערקלערט, אז איינס פון די זאכן וואס האט אנגעצינדן אין זיי דעם געטליכן פונק אינעם נקודה הפנימית פון די נשמה – איז געווען יענעם פרימארגן אין די שטילע געסעלעך פון ירושלים עיר הקודש און איר הערליכן ליכטיגקייט, און מיטן זעאונג פונעם צדיק וועלכער איז געשטאנען אנטקעגן זיי באקרוינט מיט טלית און תפילין...!

עטליכע פון די בעלי התשובה פון יענעם גרופע, זענען אמאל אנגעקומען צום אויבנדערמאנטן צדיק, בעטנדיג אן עצה און א ברכה. ווי נאר זיי זענען אריינגעקומען אינעווייניג בְּקֹדֶשׁ פְּנִימָה, האבן זיי זיך דערמאנט אין זיין הערליכן געשטאלט און זענען אנגעצינדן געווארן מיט א געוואלדיגן באגייסטערונג, דערמאנענדיג דעם רב אז זיי זענען פון אט די גרופע וועלכע איז דעמאלטס אריבערגעגאנגען נעבן אים אין יענעם פרימארגן...

"וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ"...

***

עס האט מיר דערציילט מוהר"ר אשר שטערנבוך, אז צוריק מיט יארן האט ער געמאכט א 'נסיעה' קיין חברון מיט א פריוואטער אויטא, אינאיינעם מיט מיין מחותן הרה"ח הנודע ר' וועלוויל אייזנבאך זצ"ל.

אזוי פארנדיג אויפן וועג, האט דער דרייווער זיך בטעות אוועקגעקערט פונעם ריכטיגן וועג וואס פירט קיין חברון, און פלוצלונג האבן זיי זיך געפינען אין א פיינטליכער אראבישער דערפל. זיי האבן זיך געפינען אין א באלדיגע און שרעקליכע געפאר, ווען א צארנדיגע באפעלקערונג פון יונגע אראבער פול מיט ברענענדיגע שנאת ישראל האט זיך גענומען גרופירן ארום זייער אויטא מיט געשרייען פון 'אללה אקבאר'! זיי זענען גוט דערשראקן געווארן ביז די טיפענישן פון זייער נשמה, נישט קענענדיג גיין פאראויס אדער צוריק־וועגס, ווען ארום זיי האט זיך געפינען א צארנדיגע בלוט־דארשטיגע באפעלקערונג, רחמנא ליצלן!

און פלוצלונג האבן די אראבער אנגעהויבן ווארפן שטיינער און פעלזן! – איינער פון די יונגע אראבער האט זיך אוועקגעשטעלט קעגן־איבער דער אויטא, און האט געווארפן א גרויסן שטיין פונקט צום ריכטונג פון די קעפ פון די דערשראקענע רייזנדע!

אינעם לעצטן רגע, האט זיך פלוצלונג מוהר"ר וועלוויל צוזאמענגענומען, און זיך דערמאנט פון די תפילין וואס ער האט מיטגענומען מיט אים, וואס דער פסוק זאגט דאך עדות דערויף זייער קלאר: "וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ"! – נו, איז דארף מען דען א בעסערע 'סגולה' ווי א קלארער פסוק אין די תורה? – האט ר' וועלוויל געטראכט.

פלינקערהייט האט ער גלייך ארויסגענומען די הייליגע תפילין און עס ארויפגעלייגט אויף זיין קאפ. ממש אין דער זעלבער צייט איז דער שטיין געלונגען אויפן פאדערשטן פענסטער פונעם אויטא. די גלאז האט זיך צופלאצט מיט א גרויסן רעש, און די שטיקלעך גלאז זענען זיך צופלויגן אויף אלע זייטן, אבער צום גרויסן וואונדער האבן זיי קיינעם נישט אנגערירט פון צווישן אלע וועלכע זענען געפארן אינעם אויטא. אויך זייערע קליידער זענען געבליבן גאנץ און נישט געליטן דעם קלענסטן ריס...!

אינצווישן דעם גאנצן טומל וואס איז געשאפן געווארן, פונעם טומל פון די שטיין ווארפעריי און די שטיקלעך גלאז וואס זענען געפלויגן אויף אלע זייטן, איז געווארן א קליין דורכגאנג צווישן דעם באפעלקערונג וועלכער האט זיך אביסל געדרוקט אין א זייט. דער קלוגער דרייווער האט עס גלייך אויסגענוצט און איז מיט א געוואלדיגע שנעלקייט ארויסגעפארן פונעם פיינטליכן דארף, און זיי זענען געראטעוועט געווארן! בחסדי שמים און אין זכות פון די הייליגע תפילין.

ענדליך צו אט די מעשה, האט מיר מיין פעטער, מוהר"ר יוסף דוב בן הר"ר אשר לעמיל באָטעלמאַן זצ"ל, דערציילט, אז ביי די מלחמה פון יאר תש"ח לפ"ק, ווען אין די אלטע ירושלים האבן אויסגעבראכן ביטערע שלאכטן, האט מען מאביליזירט אלע יונגווארג צום קאמף, אן קיין אויסנאם. טראצדעם וואס ער איז געווען א בן תורה, זייענדיג א ישיבה בחור שֶׁתּוֹרָתוֹ אֻמָּנוּתוֹ, האט מען אים געצוואונגען אריינצוגיין אינעם מיליטער, און ער איז געשטעלט געווארן צו זיין א שומר ביי איינס פון די פילע פונקטן וואס זענען צושפרייט געווארן דורכן גרעניץ וואס האט אפגעטיילט צווישן די אידן און די אראבער. – דארט האט ער געדארפט שטיין און היטן, און געבן א ווארענונג צייכן ביי יעדן צווייפלהאפטיגע געשטאלט וואס דערנענטערט זיך.

פלוצלונג, אנדעם וואס ער זאל עפעס באמערקן פון פריער, האט ער געזען אנטקעגן אים, צוויי ביי־זווייליגע אראבער וועלכע לויפן אין זיין ריכטונג אין גרויס שנעלקייט, ווען א לאנגע מעסער איז אין זייער הענט, און זיי האלטן עס צו זיין ריכטונג, רחמנא ליצלן! – ער האט נישט געהאט קיין שום מעגליכקייט פון אנטלויפן אדער זיך באהאלטן! און זיין לעבן האט זיך געפינען אין א גרויס געפאר.

נעבן אים אינעם בודקע, זענען געלעגן זיינע הייליגע תפילין וועלכע ער האט נארוואס אויסגעטון נאכן דאווענען. ער האט זיך גלייך דערמאנט אין די אויבנדערמאנטע הבטחה פונעם פסוק: "וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ וגו' וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ"! – ער האט גלייך אנגעטון די תפילין אויף זיין קאפ, און אזוי באקרוינט מיט די הייליגע תפילין איז ער ארויסגעגאנגען און האט זיך געשטעלט קעגן די רוצחים וועלכע זענען געלאפן אנטקעגן אים! – און פלוצלונג האט א שרעק באפאלן די מערדער, זעענדיג דעם איד מיט די תפילין. זיי האבן זיך שנעל אויסגעדרייט און גענומען אנטלויפן אזוי שנעל ווי זיי זענען געקומען! אן קיין שום קענטליכע סיבה!

-<>•<-

נאך פילע 'טיב מעשיות' האבן מיר איבער די קדושה און סגולה פון די תפילין, וְעוֹד חָזוֹן לַמּוֹעֵד בעזה"ה.





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173